פרשת לך לך תשפ"ג
גליון 47

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

### לכבוד תלמידות בית פיגא שתחיו.

עס וועט נישט נעמען לאנג און איר וועט אלע ווערן כלות און חתונה האבן; דעמאלט הייבט זיך אן א נייע געשיכטע אין לעבן, דעמאלט הייבט זיך אן דער ריכטיגער לעבן. מען האט קינדער און מען דארף זיי ערציען, ווען די קינדער ווערן עלטער וויל מען זיי זאלן וואקסן ערליך.

נעמט די צוזאג פון רבי'ן, דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; אז איר וועט אכטונג געבן אויף צניעות, איר וועט רעדן איידל, זיך פירן איידל און גיין אנגעטון איידל און באשיידן – וועט איר אלע האבן גוטע ערליכע קינדער.

אסאך מאל האט מען א נסיון, עס איז שווער; מען וויל גיין אנגעטון נישט איידל, אבער אויב מען שטארקט זיך און מען טוט זיך אן נאר איידל איז מען זוכה צו בנים צדיקים.

איך האף איר וועט מיר אויסהערן, איך האף צום אייבערשטן אז מיינע ווערטער וועלן אריין גיין אין ענקער הארץ.

א גוט שבת.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

## חלק א'

אֵיין מָאל אִיז גְעֶוועןאַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶיהַאט זֶעקְס זִין און אֵיין טָאכְטֶער. דִי טָאכְטֶער אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גְעֶוועןאון עֶר הָאט אִיהְר זֵייעֶר גְעלִיבְּט און הָאט זִיךְ מִיט אִיהְר זֵייעֶר מְשַׁעֲשֵׁעַ גְעֶוועןְ.



בַּיינַאכְט אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִין אִיר חֵדֶר אַרַיין. אִינדֶערפְרִי הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי זִי אִיז. הָאט זִיךְ דֶער פָּאטֶער (דֶער מֶלֶךְ) זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעֶוועןאון אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיהְר זוּכְן אַהִין און אַהֶער.



**פארזעצונג קומט אי"ה**

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### בלומי באבעל דערציילט:

ש׳כח אייבערשטער אז איך קען קומען צו פארן יעדן טאג פון מאנרא צו די בית פיגא סקול אין קרית ברסלב ליבערטי. פאר די סקול יאר האט זיך אנגעהויבן, האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן א גוטע, געשמאקע און באקוועמע וועג יעדן טאג צו פארן צו סקול, און ב״ה די אייבערשטער האט געהאלפן!

### ריקי פארקאש דערציילט:

איך האב געדארפט עפעס גיין אויפפיקן פון די פאסט אפיס, און געוועניטליך נעמט עס זייער לאנג ביז מען באקומט וואס מען דארף. אבער דאס מאל, פון ווען איך בין ארויס פון מיין הויז האב איך אנגעפאנגען צו בעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט נעמען לאנג, און איך זאל זייער שנעל קענען באקומען מיין פעקל, און ב״ה איך בין אריין און ס׳איז געגאנגען א מחי׳, גלייך האבן זיי מיך געגעבן מיין פעקל און איך האב שנעל געקענט ווייטער גיין. ש׳כח אייבערשטער!

# נייעס אין בית פיגא

**די וואך איז פארגעקומען א עלטערן - לערערינס צוזאמקום סיי אין וויליאמסבורג און סיי אין שטעטל. ב״ה די לערערינס האבן געקענט איבערגעבן גאר גוטע גריסן אויף די טייערע מיידלעך פון בית פיגא וואס פירן זיך אויף אזוי דרך ארץ׳דיג און איידל.**

**זעקסטע קלאס:** די וואך האט זעקסטע קלאס אנגעפאנגען צו נייען א הערליכע דאל קלייד! זיי וועלן זיך אי״ה אויסלערנען מיט דעם אלע וויכטיגע זאכן וואס פעלט זיך אויס צו קענען נייען, ווי אזוי צו ארויפנייען א קנעפל, צו מאכן א העם פאר א קלייד, און נאך אסאך.

**עלטסטע קלאס:** מיט פרייד האט די עלטסטע קלאס אין שטעטל אויפגענומען די נייע מיידל וואס איז אריינגעקומען די וואך אין בית פיגא סקול, רייזי וועבער!

**די וואך דינסטאג פרשת לך לך איז מען אריין אין די צוועלפטע יאר בית פיגא! ש׳כח אייבערשטער פאר בית פיגא סקול!**

# א שמועס מיט א חבר'טע

## אסתי שארף - תלמידה בית פיגא יבנאל

**א גוטן! וואס מאכסטו? איך האב געטראכט צו מאכן א אינטערוויא מיט דיך אז אלע נייע מיידלעך אין בית פיגא זאלן זיך אויך באקענען מיט דיך.**

**קודם, ווי אזוי הייסטו? אין וועלכע סקול האסטו געלערנט?**

איך הייס אסתי שארף, איך האב געלערנט אין בית פיגא אין וויליאמסבורג ביז בערך א יאר צוריק, כ"ה אלול, ווען אונז האבן געמופט אויף ארץ ישראל צו די שטאט יבנאל וואס מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט.

**ווי אזוי איז געווען צו מופן? ס'איז געווען שווער?**

יא, עס איז געווען שווער, אבער אונז האבן נישט אלעס מיטגענומען, אסאך זאכן האבן אונז דא געלאזט.

**ווי אפט גייסטו ארויף צו מוהרא"ש'ס ציון?**

אונז וואוינען זייער נאנט, אבער עס איז שווער צו גיין יעדן טאג. איך פרוביר צו גיין איין מאל א וואך, און אסאך מאל געב איך זיך א כאפ ארויף אפילו נאר פאר אפאר מינוט צו זאגן דארט תיקון הכללי.

**וויפיל מאל האסטו שוין אויסגעזאגט תהלים דארט?**

איך האב שוין אויסגעזאגט תהלים 5 מאל ביי מוהרא"ש'ס ציון אזוי ווי עס שטייט אין די צוואה אז מען זאל טון פאר א שידוך, אבער אויסער דעם האב איך שוין אסאך מאל געענדיגט תהלים.

**וואס איז דיין מעסידש פאר די מיידלעך פון בית פיגא?**

איך בעט פאר ענק אלע ביי מוהרא"ש, און איך קען שוין קוים ווארטן ענק אלע צו טרעפן. אונזער טיר איז אלעמאל אפן פאר מיידלעך פון בית פיגא וואס קומען אויף יבנאל!

**מזל טוב!**
**אדל און לאה גיטל ניישטיין**
**זייער מאמע האט געהאט א בעיבי!**

**מזל טוב!**
**ריקי פארקאש**
**צו איר שידוך!**

**מזל טוב!**
**עטי ראטה**
**איר מומע איז געווארן א כלה!**

**מזל טוב!**
**פראדי שטערן**
**איר שוועסטער איז געווארן א כלה!**

**מזל טוב!**
**מלכי בירנבוים**
**איר מאמע האט געהאט א בעיבי!**